# לתועלת הרבים

## פאָלגענד איז אַ רשימה פון די זאַכן וואָס דאַרפן גניזה, און די וואָס דאַרפן נישט

### דארפן גניזה בכלי חרס

* **מגילות** – אויף אַ פּאַרמעט
* **ספר תורה** אָדער איינצעלנע יריעות
* **בתים של ראש** – אויך אָן פרשיות
* **פרשיות פון מזוזות**
* **פרשיות פון תפילין**
* **בתים של יד** – מיט די פרשיות

### דארפן גניזה

* **אגרת שלומים** – אַ בריוו וואָס אַנטהאַלט פסוקים אָדער פסקי הלכות
* **פאַרהער פון תלמידים** – וועלכע אַנטהאַלטן גאַנצע פסוקים אָדער אַנדערע דברי תורה
* **גליונות דברי תורה** – ווי למשל די בלעטלעך וואָס מ'טיילט שבת אין בתי מדרשים
* **הזמנות צו חתונות** – אויב זיי האָבן גאַנצע פסוקים
* **טלית** – זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס פירן זיך גונז צו זיין
* **לוח פון אַ קהילה** – אַ וואַנט לוח פון אַ קהילה און די קונטרסים מיט די הלכות
* **מזוזות** – די שיידל און דער פּלאַסטיק וואָס נעמט אַרום די מזוזה
* **סיפּורי חז"ל** – אפילו די וואָס זענען איבערגעאַרבעט פאַר קינדער.
* **צייטונגען (מאַגאַזינען)** – סיי אויף לשון קודש אָדער בלע"ז, אויב זיי האָבן גאַנצע בלעטער פון פסקי הלכות אָדער מאַמרי תורה, ווי למשל די ביילאַגעס פון ערב שבת, יענע בלעטער דאַרפן גניזה (און אויך אויב זיי האָבן אַ פאַרזעצונג אויף אַנדערע זייטן). אָבער די איבריגע זייטן, וועלכע האָבן נישט קיין דברי תורה, אפילו אויב ס'איז אַריינגעמישט דברי תורה אינמיטן אַן אַרטיקל אָדער אַדווערטייזמענט, דאַרף מען זיי נישט אויפזוכן און גונז זיין. נאָר מ'דאַרף זיי איינפּאַקן און אַוועקוואַרפן.
* **עטיפות פון ספרים** – וואָס זענען געמאַכט פאַר שיינקייט.
* **קאָפּיס פון דברי תורה**
* **ציצית** – פירן זיך טייל גונז צו זיין
* **קונטרס הקהילה** – פאַר די ימי הפסח און ימי הנופש. יענע בלעטער וואָס האָבן הלכות סיי אין לשון קודש סיי אין בלע"ז.

* **אַ פושקע** – וואָס איז געמאַכט געוואָרן צו האַלטן זמירות, ברכת המזון, קידוש לבנה וכדומה
* **קאַרטאָן** – וואָס האַלט אַ סעט פון ספרים, און איז געמאַכט אויף אַ לענגערע צייט.
* **שיידלעך פון תפילין**, און אַזוי אויך **די גידין** מיט וועלכע מ'האָט גענייט די תפילין, **די בתים של יד** אָן די פרשיות, **רצועות, די תפילין בייטל.**

## דארפן נישט קיין גניזה

* **אַ קעסטל וואָס מ'טראָגט דערמיט ספרים פון איין פלאַץ צום צווייטן.**
* **גאַרטל**
* **הזמנות צו חתונות** - וועלכע האָבן נאָר אַ חלק פון אַ פסוק, ווי למשל "לסדר...".
* **זשורנאַלן** - וואָס די מוסדות התורה גיבן אַרויס, אויסער אויב ס'איז פאַראַן דאָרט אַ ספּעציעלער מדור פאַר דברי תורה. אָבער מ'דאַרף נישט זוכן צווישן די אַנדערע בלעטער צי ס'איז פאַראַן דאָרט פסוקים, נאָר זיי שיין איינפּאַקן און אוועקוואַרפן.
* **טלית בייטל** – מ'דאַרף דאָס נאָר שיין איינפּאַקן און מ'קען עס אַוועקוואַרפן. אָבער דעם פּלעסטיק פונעם בייטל קען מען אַוועקוואַרפן.
* **קאַפּלעך** - מעג מען אַוועקוואַרפן.
* **עלעקטראָנישע שריפט** – טעיפּ אָדער דיסק.
* **לוח פון אַ קהילה** - אין אַ קליינעם פאָרמאַט. נאָר מ'זאָל עס נישט אַוועקוואַרפן בדרך בזיון.
* **לולבים** – אָבער נישט וואַרפן בדרך בזיון.
* **סיפורי צדיקים פאַר קינדער** – אויב זיי האָבן נישט קיין דברי חז"ל און פסוקים.
* **אַ קאָווער פון העפטן** - וואָס איז געמאַכט נאָר צו היטן אויפ'ן ספר אָדער איינפּאַקן אַ מתנה.
* **צייטונגען** – סיי אויף לשון קודש און סיי בלע"ז. די בלעטער וואָס אַנטהאַלטן נישט קיין פסוקים אָדער דברי תורה, און מ'דאַרף נישט זוכן די פסוקים.
* **קוישעלעך פאַר ד' מינים** – אָבער מ'דאַרף דאָס נישט וואַרפן בדרך בזיון. נאָר איינפּאַקן שיין און אַוועקוואַרפן.
* **קאַרטאָן וואָס האַלט אַ סעט פון ספרים, און איז נישט געמאַכט פאַר שייַנקייט.**
* **תפילין, דער פלאַסטיק פון דרויסן** - וואָס נעמט אַרום דעם בייטל, אָבער מ'דאַרף דאָס נישט וואַרפן בדרך בזיון.

איבערגעזעצט פונעם העברעישן תורה-גליון "שבת בשבתו" פרשת שמיני תשס"ה פון די באַרימטע קהל מחזיקי הדת אַנטווערפּען - די הוראות זענען איבערגעגעבן דורכ'ן בית דין צדק פון די קהילה